Issue #1, 2024 - גליון א תשפ"ד

Local Postal Customer

PRSRT STD
ECRWSS
U.S. POSTAGE PAID
EDDM Retail

# גליון ללמדו אומנות

**געשריבן דורך חסידישע אינגעלייט פון די פרומסטע געגנטער וואס ווילן גאר שטארק א טויש, אבער קענען נישט ארויסקומען אין די עפנטליכקייט.**

YAFFED
YOUNG ADVOCATES FOR FAIR EDUCATION

**פאראייניגט פאר א יושר׳דיגן חינוך**

## די חשיבות פון א העכערע עדוקאציע – איר דארפט טוהן אייער׳ס

טייערע ברידער, קודם ווילן מיר זיך באדאנקן פארן ליינען אונזער ערשטן גליון און פארן נעמען די מיה אונז צו רופן מיט הערות. שכח פאר יעדער פון אייך פארן נעמען די צייט צו ליינען און זיך צו לאזן הערן אפגעזעהן צו איר זענט איינשטימיג מיט אונזערע מיינונגען צו נישט. דאס אז מ'לאזט זיך הערן ווייזט אז אונזער ארבעט טוט אויף

מיר ווילן דא אפעלירן צו אייך חשובע ליינער פון הארץ צו הארץ. מיר זענען נישט אייערע פיינט, מיר זענען נישט דא מיט קיין אגענדע, מיר זענען נישט דא פאר געלט, מיר זענען דא זיך אנצונעמען פאר אייערע און אייערע קינדער'ס מענטשן רעכטן. מיר שעצן די וויכטיגקייט פון אן אויסגעהאלטענע סעקולערע עדוקאציע און מיר פרובירן איר זאלט דאס אויך שעצן! די מציאות איז אז מיר האבן זיך נישט מיט וואס צו שעמען אדער צו באהאלטן, אונזער קאמף איז אן איינפאכער, לערנען די נויטיגע לימודים וואס ווערט פארלאנגט ביים געזעץ (רעדן, ליינען, שרייבן, מאטעמאטיקס, סייענס, היסטאריע, און סאציאלע שטודיעס.) און זיי לערנען לענגער. **דאס אלעס!** און ווי די גמרא זאגט אונז קלאר דינא דמלכותא דינא, מוזן מיר זעהן דאס איינצוהאלטן און נישט זיך ארויסדרייען מיט לעכערליכע תירוצים און קינדישע פשעטל'עך פארוואס למעשה מוז מען נישט, מעג מען נישט, זאל מען נישט.
טייערע ברודער! איר קענט דאס אפשטעלן! יא איר! אז איר ליינט נאך די שורות איז משמע אז איר האט עפעס אן אינערליכע געפיל פון רחמנות אויף אייערע קינדער און ווילט זיי נישט בידים קאליע לייגן, נאר ווייל מ'האט אייך פארפירט אז מיר זענען די סטרא אחרא אליין נאר איר ווילט טוהן די ריכטיגע זאך! און דער וואס וויל אייך פארקויפן די ביליגע ליגנט אז ס'איז נגד המסורה, זאגט יענעם ער זאל זיך בעסער נאכפרעגן ביי די עלטערע דור וויפיל מ'האט געלערנט ביים סאטמאר'ן רבי זצ"ל, און וויפיל מ'האט געלערנט ביים צעהלימער רב ז"ל, די עלטערע דור ווייסט צו זאגן אז דארט האט מען געלערנט לפחות 2-3 שעה א טאג לימודי חול. און מיר וועלן אייך מגלה סוד זיין, אז אין רובא דרובא ליטווישע מוסודות התורה לערנט מען נאך היינט 3 און אפי' 4 שעה א טאג! און נישט נאר מ'לערנט, נאר ס'איז א חלק פונעם סדר היום, מ'לערנט לימודי קודש און לימודי חול אהין און צוריק!
להבדיל ווי שיעור בקיאות און שיעור פשוט, מ'גייט פון איין מקצוע צום אנדערן ווי ביידע זענען חשוב און וויכטיג! נישט ווי ביי אונזערע קרייזן ווי מ'טוט א גאנצע טובה און מ'רוקט עס אריין סוף טאג ווען דאס קינד איז שוין אויסגעמוטשעט, און נאך די בר מצוה פארנעמט עס בכלל נישט קיין ארט. מיר מאכן נישט חלילה חוזק פון אונזערע אדמורי"ם רבנים חשובים אויף סיי וועלכע אופן. מיר רעדן דא אויף די "סטאטוס קווא" וואס איז אינגאנצן פארשימלט און פארדארבן געווארן. דאס איז נישט מסורה! דאס איז נישט קיין פרומקייט, אבער ליידער איז פאדרייט געווארן די ארגינעלע וועגן פון ערליכע אידן ווען געוויסע עסקנים און פאליטיקאנטן האבן זיך צוגעמאכט די אויגן פאר פריוואטע נגיעות, אבער דאס איז קיין מסורה נישט געווען, און וועט נישט זיין. דאס איז "טשיילד אביוז" אויפן טיפסטן פארנעם. יעדער טאטע מאמע פארשטייט אז חינוך איז ווי ווען א בעבי הייבט אן גיין אויף די אייגענע פיס. חינוך איז די ערשטע טרעפל אויפן לעבן, און נישט געבן דעם ערשטן שטופ און די ריכטיגע הקדמה צום וועלטליכן לעבן, איז ווי איר נעמט א האק און האקט אים אונטער בשעת ער שטייט אויפן טרעפל! יא ס'הערט זיך ברוטאל, אבער דאס איז וואס ס'איז נעבעך, ווילט איר אזא זאך טוען צו אייער אייגענע קינד? ווילט איר אזאנס צולאזן? אזא נידריגע אכזריות? געבויט אויף א ווערטל פון סאטמאר רבי׳ן ז״ל צו ר׳ משה פיינשטיין ז״ל אז סאטמארע חסידים וועלן זיין די אקאונטענט׳ס און ר׳ משה׳ס

**פרייליכע מעלדונג!**

מיר האבן צוגעשטעלט אן אינפא ליין אויף אידיש ווי איר קענט רופן פאר מער אינפארמאציע, נייעס, אפדעיטס, אינטערוויאו'ס, איבער די לעצטע אנטוויקלונגען איבער ווי די מערכה האלט צו געבן יעדע קינד א רעכט צו קריגן א בעסיק עדוקאציע, רופט אריין אויף: **844-830-9561**

מענטשן וועלן זיין די קליענטן? אויף דעם בויט איר אייער אנגעבליכע מסורה פון די רשעות פון צוריבן רעכטן פון די קומענדיגע דורות? און טייל פרובירן עס נאך צו פארטיידיגן גאר? ס'איז פשוט א שאד מיר האבן אזויפיל גוטע, ריינע אינפארמאציע, מקצועות, און ידיעות וואס קענען באַרייכערן די יונגע מוחות, ס'איז נישט דא קיין שום שכל'דיגן הסבר פארוואס מ'לערנט עס נישט אויס. פארוואס זאל מען דאס נישט צושטעלן? פארוואס פארלייקענען אז דאס איז אינגאנצן נישט וויכטיג? איר ווילט וויסן פארוואס? ווייל לײדער אין פילע טיילן פון היימישע קרייזן איז דער טראכט זייער קאנצענטרירט אויף די "פארוואס זאלן מיר" ווי איידער אויף די "פארוואס זאלן מיר נישט?" דאס איז די מציאות. דאס איז וויאזוי מ'לעבט. און מיר ווילן נישט יעצט אריינגיין צו ס'איז גוט אדער שלעכט, בכלליות. די אונטערשטע שורה איז: מיר טוען זיך אליין שיסן אין די פיס ווען מיר קוקן אויף מדע מיט אזא קרומען בליק. מ'קען נישט זיין א נארמאלן מענטש צווישן מענטשן, מ'קען נישט פארשטיין די וועלט, מ'קען נישט פארשטיין טיפע נושאים אדער קאנצעפטן אז מ'פירט זיך אויף ווי א קליין קינד וואס האט אייביג א תירוץ **נישט** צו טוהן וואס מ'הייסט אים, און אז איר האט אייגענע קינדער ווייסט איר גוט וואס מ'מיינט. "פארוואס דארף איך גיין שלאפן? פארוואס דארף איך גיין מיט א מאנטל ווען ס'איז אפילו נישט קאלט?" וכהנה וכהנה. דו, ווילסט לעבן אדער דו ווילסט זיך קריגן מיט די מציאות, שעפעלע? די מציאות אז שכל איז א וויכטיגע חלק פון אונזער גוף, און שכל איז וויאזוי מיר קומען אן צו היילן קראנקע, צו ערפינדן מעדעצינען, צו בויען בריקן, בנינים, און די פארגעשריטענסטע עראפלאנען, צו שרייבן עסייען און קריעטיווע ביכער, אויסצוטרעפן מוזיקאלישע טעאריעס. פארשטייט זיך מיר אידן ווייסן אז אלעס קומט פונעם בוכ"ע אבער צו וויל ער אז מיר זאלן זאגן פאר זיינע חכמות מיט א ביטול פארוואס נישט? צו וויל ער טאקע מיר זאלן זיך באנארישן מיט אוועקמאכן יעדע זאך וואס מיר קענען נישט טוהן און עס אפשלאגן מיט אזא זלזול ווי גלייך עס פעלט נישט אויס? ס'איז אינטערסאנט אז מענטשן זארגן זיך אזויפיל וועגן אנגעבליכע כפירה וואס יאפע"ד וויל אנגעבליך אריינברענגען, אבער וואס איז מיט אזא פילזאפיע? דאס איז נישט נגד אמונה? ווייל אויב יא ווייס איך נישט צו מ'מעג בכלל אריינבליקן אין א תשובה פון רמב"ם וואס האט נישט געטראפן בעסער'ס וואס צו טוהן נאר צו ווערן א געשולטער רופא, ער האט ארויסגעגעבן עטליכע ספרים אויף געזונט, ער האט שטודירט, און געפארשט. צו וואס האט אים דאס אויסגעפעלט? האט ער זיך נישט געקענט באגנוגען זיין דורשט מיט די ים התלמוד און די הייליגע ווערטער פון די תורה שבכתב און תורה שבעל פה? דאס איז איין וועג פון טראכטן, אדער קענט איר פארשטיין אז זיין גאונ׳ישע מוח האט אים געשטופט צו טראכטן און טוהן מער ווי דעם, און ער האט עס אויסגענוצט פאר גוטע זאכן, און ס'איז נישט קיין בושה נאר פארקערט! מיר שטאלצירן זיך מיט זיין גדלות און קלוגשאפט. זיין נאמען שטייט אויף גיגאנטישע מעדיצינישע אוניווערזיטעטן. און מיינע מלמדים האבן כסדר גערעדט פון זיין חכמות התורה, אבער אז מיר זאלן אהערשטעלן א רמב"ם בדורנו? מאן דכר שמיה. איז דא קומט אריין די טענה פון אונזערע גאוניש'ע קעפ "הע! קוק נאר אן סטיוו דזשאבס און אזויפיל אנדערע גאר סוקסעספולע נעמען זענען דראפאוטס אדער זענען ניטאמאל געגאנגען אין קאלידזש" קען מען ענטפערן אויף דעם 3 זאכן: ראשית כל, זאלן מיר נאר האבן אזעלכע פראבלעמען אז אונזערע קינדער האלטן ביים נישט אויסוועלן קאלידזש, מ'רעדט דאך דא פון פיל ערגערס, פון א צובראכענער סיסטעם וואס פראדוצירט אנאלפעבעטן וואס קענען נישט ליינען אדער שרייבן אין די ענגלישע שפראך! קינדער וואס האלטן ביי א דריטע קלאס לעוול ביי די ישיבה גדולה יארן קיינמאל האבן זיי גראודאירט בכלל! זיי קענען נישט קיין בעסיק ענגליש! ווי שפרונגסטו מיר צו קאלידזש?

## טייערע ליינער!

מיר ארבעטן שווער צו פארזיכערן אז אונזערע דורות זאלן באקומען די כלים און חינוך אויף צו קענען מצליח זיין אין לעבן.

אויף צו אנגיין מיט די הייליגע ארבעט זענען מיר אנגעוויזן אויף הילף פונעם ציבור. מיט אייער נדבה העלפט איר אייערע אייגענע קינדער און דורות און פאר נאך טויזנטער קינדער וואס זענען אנגעוויזן אויף אונזער מיסיע.

איר קענט ביישטייערן דורך אריינשיקן אייער ביישטייערונג צו:

**P.O. Box 160398**

**Brooklyn, New York 11216**

**אדער רופט אונזער אפיס: 844-830-9561 / 646-350-0075**

**אייער נדבה וועט געהאלטן ווערן 100% קאנפידענשאל!**

צווייטנס זעה מיר אז די רוב פון מאגנאטן וואס זענען טאקע דראפאוטס איז קלאר אז זיי שעצן זייער זייער שטארק דאס לערנען אין זייער אייגענע לעבן, און איז א ריזן חלק אין זייער סוקסעס. קוק עס נאך, ס'איז קיין סוד נישט: רייכע מענטשן ליינען אסאך! א שטייגער אילאן מאסק ליינט עטליכע שעה א טאג, מארק זאקערבערג, ביל געיטס, ווארען באפעט, וכו' קענסט נישט פארגלייכן די מענטשן צו די טיפישע אינגערמאן וואס איז אויפגעוואקסן נישט שעצן'דיג א הויכע עדוקאציע און א גרויס חלק שעצט עס נישט אלס ערוואקסענע אויך נישט! דריטנס ס'איז דא א סיבה פארוואס עס איז נישט דא קיין חרדי'שע סטיוו דזשאבס אדער קיין אילאן מאסק, פונקט ווי ס'איז נישט דא קיין חרדי'שע אלבערט איינשטיין, פונקט ווי עס איז נישט דא קיין חרדי'שער וויסנשאפטלער, ווייל נישט דאס איז ערמוטיגט ביי אונזער סטאטוס קווא. ביי אונז איז ערמוטיגט אויסשפילן די סיסטעם (יענע מין אויסגעשפילט, ענדערש זיך אליין געשטאכן) איז ווי קומסטו מיר זאגן חידושים פון אן א.ג. אומשטודירטער קאלידזש דראפאוט ווען דו קענסט קיינעם וואס קומט צו צו זיינע שפיץ נעגל? ס'איז צום באוויינען! ווי ראדיקאל אונזער עדה הקדושה האט זיך דערקייקלט? אז מיר קענען שוין נישט ארויסהייבן די מציאות פון שטודירינג פון אזא אידישן גאון ווי רבי שמשון רפאל הירש, אדער ווי הר"ר מאיר לעמאהן ז"ל? פיגורן ווי אלי' וויזל, שרה שנירר, צו אלבערט איינשטיין? איך זאג נישט אז אונזערע צדיקים זענען נישט הייליג און טייער, אבער לאמיר רעדן גאר אפן: מיר אלע ווייסן אז ס'איז נישט דא קיין איינציגער חרדי'שער איד אויף די נאבל פרייז ליסטע, פארוואס? זענען מיר עפעס פארקריפלט אדער וואס? קענען מיר נישט וואס די אומות העולם קענען? נגד הלכה קען דאך עס נישט זיין ווייל אונז זעה מיר

דאך אז וועלט בארימטע ראשונים און אחרונים האבן עס געטאן. אדער איז עס ווייל מיר מאנגלען אין די נויטיגע בילדונג און מדע - וואס איז אמאל געווען א גאנגבארע זאך ביי ערליכע אידן - וואס פארלאנגט זיך צו נוצן די מוח אויף אזא סארט אופן צו קענען אויפקומען מיט די נעקסטע בליץ וואס צושאקלט די וועלט, צו זאל עס זיין אין פיזיקס, וויסנשאפט, טעכנעלאגיע, עקענאמיקס, היסטאריע, די וועלט פון שרייבעריי. ווייל ליידער קען יעדער אויפריכטיגער מענטש מודה זיין צו דעם אז קיין סאך רבי עקיבא אייגר'ס און ר' מאיר שפירא'ס פראדוצירן מיר היינט נישט. עס איז דא גרויסע קעפ. אבער די טריקענע אביעקטיווע מציאות איז אז רובא דרובא אינגעלייט זענען עוסק על המחיה ועל הכלכלה און מ'פרובירט צו הערן שיעורים און קובע עיתים זיין לתורה אויף וויפיל ס'איז שייך, אבער מ'דארף דאך נאך אלעם אהיימברענגען פרנסה אין שטוב, און א העכערע עדוקאציע העלפט גאר אסאך ארויס צו דעם אין פארשידענע תחומים אויף פארשידענע אופנים. און דער וואס זאגט אייך אז ס'פעלט נישט אויס, צוויי זאכן. ערשטנס, פארוואס פרעגט איר יענעם נישט פארוואס אזויפיל פון אונז זעמיר אויף סאציאלע בענעפיטן ווי וויק און פ"ס? און פארוואס דארפן מיר האלטן אין איין געבן צדקה יעדן שני וחמישי פאר נאך מגביתים פאר פרישע קאמפיינען ווי שוועמלעך נאך א רעגן? צרכי עמך מרובים וואס יעדער זעהט איז ארויס פון יעדן גרעניץ אויף אן אומקאנטראלירטן פארנעם וואס איז נישט געהערט געווארן זינט אידן האבן זיך באזעצט אין אמעריקע. אזא דחקות און ארימקייט וואס איז נישט צום באשרייבן, פאר יעדע נגיד "און שיינער בעל בית" איז דא צוויי הונדערט ארימעלייט. ממש אזוי! מיר האבן דאך ביז היינט געמיינט אז רובא דרובא זענען גוט אוועקגעשטעלט אויף די פיס? איז ווי איז זייער עשירות?

ווי איז זייער געלעגנהייט "אן די סעקולערע חינוך?" אדער מיט די פערפעקט סטאטוס קווא סעקולערע חינוך וויאזוי איר ווילט דרייען דעם בילד... קומט זיך זיי נישט בעסער? קומט זיך זיי נישט א געלעגנהייט צו נוצן די קאפ, און צו נעמען א פאך געבויט אויף עפעס וואס רעדט צו זייער תחינת הנפש וואס קען זיי העלפן לעבן פארמעגליך און ברייט? ווי איז די יושר? פארוואס זענען דא אזויפיל משפחות וואס בלוטיגן? דאס קען מען אויסמיידן, דא פעלט אין השתדלות. מיר טוען נישט! לאמיר זיך נעמען צו דעם טייערע הארציגע ברודער! אויף אלעם איז דא אן ארגענעזאציע, צוויי, פיר, נאר נישט אויף אונזערע צאן קדשים, וואס מיר לערנען זיי נישט אויס מחשיב זיין עדוקאציע, וואס די תוצאות פון גוטע עדוקאציע זענען, אבער מיר לערנען זיי יא אויס וויאזוי צו זיין א נצרך. מיר זענען אזוי גוטהארציג פאר א צווייטן און עס איז אונז ענדערש אז מיר זאלן זיי ווייזן א סעמפל פון גמילות חסדים דורך מאנעפעקטשורן גמילות חסדים קעיסעס, און זיך צוכליפעצן מי כעמך ישראל, ווי איידער זיי צווייזן דעם ותלמוד תורה אם דרך ארץ. למה? און, עד מתי? ס'איז קיין סוד נישט וויפיל זענען אנגעוויזן אויף רעגירונג פראגראמען, ווי וויק און סנעפ בענעפיטן, שטייער געלטער פשוט ווייל מ'האט זיי אויסגעשטעלט אויף אזא לעבנסשטייגער ווי זיי קענען נישט נאכקומען זייערע באדערפענישן, און מיר ווייסן אז דער צובראכענער חינוך קאריקיולום איז א גרויסע שטער.

און נאך א קאמישן פונקט קען מען צולייגן, אונז אידעלעך האבן ליב זיך צו שטאלצירן מיט אונזערע חכמות און פקחות, מ'מאכט אוועק יענעם, מיט א געוויסן ביטול אפילו טאמער יענער איז אן אונזעריגער, אבער וואס טויג ער? ווער איז ער? אדער וואס ווייסט ער? איך ווייס, אונזער קהילה ווייסט, ועוד. איז לאמיר פארשטיין: פארוואס נישט געבן די געלעגנהייט פאר אונזערע קינדער אנצוקומען ווי א נארמאלע מענטש וואלט? לויט אונזער סופרעמיסטישע קלוגשאפט קען ווען מעגליך זיין מיר זאלן אפילו איבערשטייגן די סוקסעס ראטע פון די גאס! אויב האבן מיר יא אזעלכע געראטענע קעפ, און געשליפענע צונגען, יראים ושלמים, וואס ווייסן און פארשטייען אלעס בעסער - אן די אינסטרוקציעס! - אפשר פרוביר וויאזוי אזא זאך שפילט זיך אויס ביי די סעקולערע לימודים? וואס האב מיר זיך צו שעמען? פארקערט האסט עס נאך קיינמאל נישט פרובירט! טא, פארוואס אנטלויפט איר אזוי דערפון? גיבט גוטע עדוקאציע א געלעגנהייט מיר גאראנטירן אייך אז ס'וועט נישט זיין קיין בושות! מיר וועלן נאך זיין גאר מעגליך די מוסטער פאר די פובליק שולע'ס... אנחנו יכולים! מיר דארפן נאר די כלים אין די האנט!

יעדער האט געזעהן וואס די ניו יארק טיימס האט געשריבן וועגן סאטמארע קינדער וואס האבן גענומען די סטענדערדייזט טעסטינג, זיי האבן נישט געקענט, דאס איז ווייל זיי האבן נישט די בעסיקס וואס אסאך פון אונז רעדן זיך איין איז בעסיקס! איז ליידער קיין בעסיקס נישט! איז לאמיר מאכן תשובת המשקל און זיי צושטעלן די כלים צו קענען גוט און איר וועט זעהן ווי ס'וועט זיך ענדערן! די עתיד ליגט אין אונזערע הענט. מיר קענען זיך אויפשטעלן צו די מנהלים, און צו די לערערס און פארלאנגען בעסערס! זיך אינטערסירן, וואס טוט מיין קינד? וואס לערנט ער, וואס לערנט ער נישט? וואס קען איך טוהן אז ס'זאל ווערן בעסער? ווייזט פארן לערער און אוודאי פאר אייער קינד אז איר קימערט זיך! וועלן די לערערס אטאמאטיש זיך קימערן, וועלן זיי זיך צופלייסן פון זייער זייט, וועלן זיי רעדן צו די מנהלים אז די עלטערן נעמען די זאך ערנסט, וועלן זיי רעדן צו די קינדער מער איבער די וויכטיגקייט פון א העכערע עדוקאציע, און די תוצאה וועט זיין א געשמאק יששכר זבולן צוזאמארבעט פון די לערערס, מנהלים, עלטערן און די קינדער! איר קענט אנפאנגען רעדן צו אייערע קינדער היינט איבער די וויכטיגקייט פון קענען א גוטער קוואליטעיט ענגליש, אבער אז דאס זאל געשעהן מוזט איר מוזט טוהן אייערס! אויב נישט ווי קענט איר קומען פארלאנגען פון די הנהלה ווען זיי ווייסן אז איר רעכנט זיך פונקט אזוי נישט? וועט איר פרעגן וואס מיינט איך דארף טוהן? דאס איז א וואלידע פראגע, וואס מיר זענען דא אייך צו העלפן ענטפערן, אבער ס'הייבט זיך אן מיט אייך! טראכט טיף אריין, וואס ווילט איר באמת? וואס זענען אייערע ערווארטונגען סיי פון די חינוך סיסטעם בכלליות, און סיי פון א טאג טעגליכע סדר היום אין אייער קינד'ס חדר בפרטיות. דאס איז נישט קיין בעביסיטינג סערוויס. דאס איז אן אינסטיטוציע, און זיי דארפן על פי תורה און על פי חוק נאכקומען געוויסע סטאנדארטן. צו זאל עס זיין אין תורה אדער הלכה און השקפה, צו זאל עס זיין אין די סוביעקטן פון ליינען און רעכענען, צו זאל עס זיין און וויפיל זיי זענען משקיע אין איטליכער סוביעקט און ס'איז נישט סתם ווי מ'זאגט "א טובה געטוהן", אדער זאל עס זיין אין וויפיל שעה א טאג מ'גיט אוועק פאר דעם אז נישט איז עס אפשר יצא שכרו בהפסדו...

## **Contact us:** פארבינדט אייך מיט אונז

Website: www.yaffed.org

Email: info@yaffed.org

Hotline: 844-830-9561

Mail: P.O. Box 160398

Brooklyn, New York 11216

**פראגע:**

***פארוואס איז יאפע"ד אזוי פרא-גאווערמענט? קען מען נישט מאכן די זעלבע טויש אן זיי אריינמישן? טויש קומט דאך פון אינעווייניג און דאס איז ס'איז דא דריק מאכט די מוסודות זיך פאר'עקשענען וואס שטערט פארן ערפאלג?***

**ענטפער:**

דאס איז א ברייטע פראגע. דא איז דא אפאר פונקטן. לאמיר גראד צוריקפרעגן פרעגן דעם שואל, אויב טויש קומט נישט דורך זיך ארייננמישן און לאזן די זאך זיך אליינס אנטוויקלען, פארוואס איז די מצב געווארן ערגער דורכאויס די לעצטע פערציג יאר? פארוואס איז געקומען צו דעם אז אן ארגענעזאציע האט זיך אפילו געדארפט עפענען? ווייל, מ'האט שוין גוט געזעהן וואס די מוסודות און אונזערע עסקנים האבן אויפגעטוהן ווען מ'לאזט זיי אליינס זיך אומגיין, א שטייגער ווי דאס אז די אינספעקטארס זענען ניטאמאל אריינגעלאזט געווארן אינעם טויער אין א חשבון פון פופצן מוסדות החינוך, א שטייגער ווי ווען מעיאר עדעמס איז געקומען באזוכן אין ערוגת הבשם איז אויפגעהאנגען געווארן די "פיריאדיק טעיבל" אויף די וואנט צו שפילן דעם שפיל ווי גלייך ס'איז אייביג דארט, און מ'לערנט עס, און ווי נאר די אינסטאנצן האבן ארויסשפאצירט האט מען עס אראפגעפליקט און אנגעזאגט פאר די קינדער דאס צו איגנארירן! דאס טאר נישט זיין. און יעדער פארשטייט אז דאס איז פשוט חוזק געמאכט! און נידריגע מעשה רמאות. דאס איז וואס פאסירט ווען ס'איז נישט דא קיין ריכטיגע אויפזיכט. ס'מוז זיין א קעגנערשאפט אקעגן קארופציע, ס'איז א שאד אז ס'איז נישט געווען דרייסיג און פערציג יאר צוריק. און די מציאות איז אז ליידער ציטערן גאר אסאך ארויסצוקומען ברבים ווייל קיינער זוכט נישט טועם זיין פון די קאנסוקווענצן, *(ווי למשל ווערן באשולדיגט אלס אנטיסעמיטן)* צווייטנס, טעארעטיש גערעדט, אויב זאל א טויש קומען פון סיי וועלכע איינהייט, וועד, אדער גרופע עלטערן אין א ספעציפישע געגנט אדער מוסד, איז א פראבלעם מיט די אלע אנדערע מוסדות און טעכניש, שווערע טויזנטער קינדער פון אנדערע שטעט און קהילות, וואס וועלן נישט נהנה זיין פון די זעלבע שינויים לטובה. און זיי וועלן שרייען למה נגרע? אויך ווערט עס קאמפליצירט מיט פאליטיק און געלטער אפט געטריבן פון פריוואטע נגיעות, וואס א בר דעת פארשטייט אז דאס איז נישט קיין קלוגע לעזונג אפצושטעלן דעם פראבלעם. דערפאר זענען מיר געצווינגען אריינצוברענגען דעם געזעץ. ווייל דאס איז איינע פון זייערע אויפגאבעס. ווער עס איז נישט מסכים, קען אלס פרובירן אריינצוועלן א צווייטע אסעמבלי אדער רעגירונג וואס איז נישט אינטערסירט אין אריינרעדן אין די אישאו. משא"כ א פריוואטע אויפגענומענע מוסד על טהרת הקודש וואס וועט שטיין לעולמי עד ולנצח לנצחים. דריטנס די רעגירונג, איז נישט פערפעקט, אבער די רעגירונג מאכט די הלכות, די רעגירונג מאכט אפ וויפיל די ספיד לימיט איז, די רעגירונג מאכט אפ וויפיל סעילס טעקס איז, ווען איבערצובויען די שאסייען און בריקן, וויפיל פאליציי ס'זאלן זיך דרייען אין די גאסן. מ'קען נישט אליינס טוהן וואס ס'לאזט זיך, און דאס זיך איינרעדן אז מיר האבן פרייהייט צו פייניגן אונזערע קינדער אם דארפן ענטפערן פאר די רעגירונג, איז פונקט ווי זאגן מיר האבן א רעכט אנצו'שיכור'ן אונזערע אייגענע קינדער. יא, דו האסט פרייהייט, אבער דו ביזט אויך געצווימט, איינמאל דו הייבסט אן טוהן קרומע שטיק דארף שוין זיין קאנסוקווענצן און מ'קען נישט קומען פארפירן אז ס'איז קאמוניסטיש סאושוליסטיש, און סטאליניסטיש, ווען אונז ווייס מיר גוט אין הארצן אז מ'פאלג מיר נישט אויס וויאזוי ס'דארף צו זיין. איז די רעגירונג פערפעקט? ניין. אבער איז די בעסטע עצה צו נוצן רעגירונג צו אינפארסירן אירע אייגענע פארשריפטן? זיכער אז יא

**פראגע:**

***פארוואס גייט עס ענק בכלל אן? איז נישט ענקער גרינדער אפגעפארן? איז ער דא זיך צו רייצן מיט די געמיינדע?***

**ענטפער:**

מיר פארמאגן א הארץ און מיר קימערן זיך. אויב נישט קענט איר זיין זיכער מיר וואלטן נישט געטוהן די ארבעט - וואס קומט בכלל נישט אן גרינג - די איינציגסטע געווינס וואס מיר האבן פונעם גאנצן קאמף איז, אויב מיר דערגרייכן די איין ציל פון אינפארסירן דעם געזעץ און מ'זאל געבן יעדע תלמיד א געלעגנהייט צו לערנען וואס מ'דארף, אויך, זענען מיר אלע היימישע אידן וואס זענען געגאנגען אין ישיבות, (זעה קעפל) און מיר קענען דעם סיסטעם פונקט ווי אייך. און הא גופא קשיא, די יעצטיגע סיטואציע איז אפטמאל גורם אז מענטשן זאלן זיך ליידער אוועקגליטשן פונעם אידישן וועג דוקא ווייל זיי דערזעהן זיך מיט א שווערן שטרויכלונג אין זייער עדוקאציע, און קענען נישט ארויסגיין אויף די וועלט. מיר זענען נישט דא זיך צו רייצן מיט אדער זיך נוקם צו זיין אין קיינעם. מיר ווילן נישט זעהן נאך מענטשן אוועקגיין, נאר פונקט פארקערט! מיר האלטן פעסט אז ס'איז נישט דא קיין שום סיבה פארוואס מען זאלן נישט קענען טוהן ביידע. סיי לערנען תורה עבודה און יראת שמים, און סיי לערנען די סעקולערע לימודים וואס ס'פארלאנגט זיך. קען מען דען ראטעווען יעדעם? ניין. אבער מ'קען זיכער ראטעווען אסאך נשמות וואס גייען אוועק דייקא צוליב דעם ארימע עדוקאציע. יא! דאס קען מען פארמיידן! און מיר זאלן רעספעקטירן די אינדיווידועלן וואס קעמפן פאר די שינויים וואס קען האלטן אונזערע קינדער אין פרומע היימישע שטובער. אפגעזעהן צו זיי גייען מיט די לבוש און צו זיי שיקן אין די חסידיש'ע מוסדות. דאס מאכט נאכנישט עטיש די רשעות פון צורויבן די רעכטן פאר בעסיק עדוקאציע פון די קינדער.